# מיט א טיפערן בליק

## פרשת בהר - ל"ג בעומר תשפ"ד

## אביסל פנימיות, לעב טיפער!

בס"ד

א גוטן טייערע חברים וידידים..!

אין פרשת בהר געפונען מיר די מצוה פון שמיטה, וְשָׁבְתָה הָאָרֶץ שַׁבָּת לַה' זאל די ערד רוען פארן אייבישטער, און ווי די תורה הקדושה איז ווייטער ממשיך באריכות אז זעקס יאר קען א איד ארבעטן אין זיין פעלד, איינזייען קערנדלעך, שניידן פירות, איינזאמלען די תבואה, אבער דאס איז אלעס ביז צום זיבעטן יאר, יעדע זיבעטע יאר איז שמיטה, שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן יִהְיֶה לָאָרֶץ שַׁבָּת לַה' ווען דעמאלטס דארף דער איד רוען אינגאנצן, ער איז נישט עוסק אין די פעלד ארבעט, ער פלאנצט נישט אין קיין פרישע תבואה, און ער שניידט נישט אפ די פירות פאר זיך, נאר ער איז אלעס מפקיר געגנצליך בחינם פאר ווער עס וויל קומען און נעמען.

דאס זעלבע איז ווען עס קומט יובל, אינעם פופציגסטן יאר טאר מען גארנישט טוהן אין די פעלדער, און נאכמער, אלע פעלדער קערן זיך צוריק צו די אלטע בעלי בתים וואס האבן עס אמאל פארקויפט, די עבדים וואס זענען געבליבן ביי זייערע האַרן נאך די זעקס יאר וואס די תורה באשטימט פאר אן עבד עברי, ווען עס קומט צו גיין יובל גייען זיי אלע ארויס לחירות. בקיצור אלעס גייט צוריק צום אלטן, און א מענטש דארף זיך געזעגענען פון טיילן פון זיין פארמעגן וואס ער האט זיך איינגעקויפט און אריינגעארבעט אין זיי במשך די פארגאנגענע יארן.

און אזוי איז די תורה הקדושה מאריך אין נאך פארשידענע דינים וואס האבן א שייכות מיט יובל, דינים פון א מענטש וואס פארקויפט א פעלד אדער א הויז, אדער ער איז עס מקדיש פאר הקדש, ביז ווען מ'קען עס אויסלייזן, און אזוי ווייטער.

#### די איסור פון אונאת דברים

אבער אינמיטן געפונען מיר אז די תורה ברענגט אריין לכאורה א פרעמדע ענין, ווי עס שטייט אין פסוק (כ"ה י"ז) "וְלֹא תוֹנוּ אִישׁ אֶת עֲמִיתוֹ וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹקֶיךָ כִּי אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם", וואס דאס איז דער לאַו פון "אונאת דברים" אז מ'טאר נישט טשעפענען און וויי-טוהן א צווייטע איד מיט רייד. און ווי חז"ל זאגן אין **מסכת בבא מציעא** (דף נ"ח:) אז דער פסוק פון וְלֹא תוֹנוּ אִישׁ אֶת עֲמִיתוֹ מוז ארויפגיין אויף אונאת דברים דוקא, ווייבאלד מיט עטליכע פסוקים פריער (פסוק י"ד) שטייט א באזונדערע איסור וְכִי תִמְכְּרוּ מִמְכָּר וגו' אַל תּוֹנוּ אִישׁ אֶת אָחִיו, אז ביים קויפן און פארקויפן טאר מען נישט אויסנאַרן א צווייטן און איהם באַ'עוול'ען מיט געלט, וואס דאס איז דער איסור פון אונאת ממון, דעריבער מוז זיין אז די עבירה פון "וְלֹא תוֹנוּ אִישׁ אֶת עֲמִיתוֹ" איז אויף ווי טוהן א צווייטן מיט ווערטער.

אויף די איסור פון אונאת דברים שרייבט רש"י: **כאן הזהיר על אונאת דברים, שלא יקניט איש את חברו לא ישיאנו עצה שאינה הוגנת לו לפי דרכו והנאתו של יועץ. ואם תאמר מי יודע אם נתכוונתי לרעה, לכך נאמר ויראת מאלקיך, היודע מחשבות הוא יודע. כל דבר המסור ללב, שאין מכיר אלא מי שהמחשבה בלבו, נאמר בו ויראת מאלקיך.** אז די איסור פון אונאת דברים איז כולל אין זיך ווען מ'טשעפעט איינעם מיט ווערטער, אדער מ'גיבט איהם א שלעכטע עצה, וכדומה, און אויב א מענטש וועט זאגן "ווער ווייסט דען אז איך האב געמיינט שלעכטס?" דערפאר שרייבט דא די תורה "וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹקֶיךָ" אז מ'זאל מורא האבן פון השי"ת, ווייל דער אייבישטער ווייסט יא וואס טוט זיך אינעווייניג, און ער ווייסט ווען מ'טוט א עוולה.

לכאורה דארף מען אבער פארשטיין, וואו קומט דא אריין דער איסור פון ולא תונו, ווען מ'האלט אינמיטן עוסק זיין אין די דינים פון יובל?, [ממילא דער איסור פון אונאת ממון וואס שטייט פריער, דאס האט יא א שייכות מיט יובל, ווי רש"י איז מסביר אז מ'טאר נישט אויסנאַרן יענעם און פארקויפן א פעלד פאר טייער געלט אויב מ'האלט שוין נאנט צו יובל, ווייל דער קונה וועט שאַדן האבן דורכדעם וואס די פעלד וועט נישט בלייבן ביי איהם צו לאנג, אבער די איסור פון אונאת דברים האט דאָך נישט קיין שייכות מיט יובל.

צווייטנס, די תורה הקדושה שרייבט טאקע "וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹקֶיךָ" צוליב דעם ווייל ס'איז א דבר המסור ללב און קיינער ווייסט נישט וואס טוט זיך אין הארץ, אבער אויב אזוי פארוואס שטייט גלייך נאכדעם נאָכאַמאָל "כִּי אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם", און וואס קומט דאס מוסיף זיין?.

#### די השתלשלות פון די מעשה מיט רשב"י

שטייענדיג אין די טעג סמוך ונראה צום גרויסן און הייליגן טאג **ל"ג בעומר**, דער הילולא קדישא פונעם תנא האלקי **רבי שמעון בר יוחאי זי"ע**, לאמיר כאפן א בליק און זיך אביסל פארטיפן אין די מעשה וואס חכמינו ז"ל דערציילן אונז אין די גמרא **מסכת שבת** (דף ל"ג:), בנוגע די השתלשלות וויאזוי רבי שמעון בר יוחאי איז אנגעקומען דערצו אז ער האט זיך געדארפט באהאלטן אין א מערה.

די גמרא דערציילט אז אמאל זענען געזעצן צוזאמען די הייליגע תנאים רבי יהודה, רבי יוסי, און רבי שמעון, און יהודה בן גרים איז געווען אנוועזנד דארט. רבי יהודה האט אנגעהויבן דעם שמועס דורכ'ן משבח זיין די רוימישע פאלק, ארויסברענגנדיג ווי שיין זענען זייערע מעשים, זיי האבן אהערגעשטעלט אזעלכע גאסן, בריקן, און בעדער! רבי יוסי האט געשוויגן און גארנישט געזאגט. "נענה רבי שמעון בן יוחאי ואמר, כל מה שתקנו לא תקנו אלא לצורך עצמן, תקנו שווקין להושיב בהן זונות, מרחצאות לעַדֵן בהן עצמן, גשרים ליטול מהן מכס", דאס הייסט רבי שמעון בר יוחאי רופט זיך אָן אז וואס די רומיים האבן געמאכט האבן זיי אלס געטוהן בלויז פאר זייער אייגענע הנאה און תכלית צו קענען פארדינען פון דעם.

די המשך המעשה איז געווען אז יהודה בן גרים איז געגאנגען און איבערגעזאגט וואס די תנאים האבן געשמועסט אין בית המדרש, און ווען די רוימישע מלכות איז געוואר געווארן דערפון, האבן זיי באשלאסן צו באלוינען רבי יהודה וואס האט גערעדט גוטס אויף זיי, און צו פארטרייבן רבי יוסי קיין ציפורי וויבאלד ער האט געשוויגן און נישט געזאגט קיין לויב, און רשב"י וויבאלד ער האט גערעדט שלעכטס אויף די מלכות וועט מען איהם הארגענען ח"ו.

זעענדיג אז זיין לעבן איז אין א סכנה, האט זיך רשב"י קודם באהאלטן אינאיינעם מיט זיין זוהן רבי אלעזר אין בית המדרש, אבער נאכדעם וואס ער האט מורא געהאט אז זיין באהעלטעניש וועט אויפגעדעקט ווערן, איז ער אנטלאפן מיט זיין זוהן און זיך באהאלטן אין א מערה וואס קיינער האט נישט געוואוסט זייער אָרט. און דארט האט טאקע פאסירט א נס אז ס'איז געוואקסן א באקסער בוים און א קוואל וואסער, און מיט דעם האבן זיי זיך דערהאלטן ביים לעבן במשך די קומענדיגע דרייצן יאר ווען זיי זענען געזעצן אין די מערה על התורה ועל העבודה. און דארט האט טאקע רבי שמעון בר יוחאי זוכה געווען מגלה צו זיין סתרי תורה, פון וואס מיר האבן טאקע היינט דעם ספר הזוהר הקדוש און די סודות און פנימיות התורה וואס קומען אלע טאקע פונעם תנא האלקי רשב"י.

### פארוואס האט אויסגעפעלט צו בארעדן די רוימיים

אצינד לאמיר זיך מתבונן זיין אין די מעשה וואס איז דא פארגעקומען, רבי יהודה האט משבח געווען די רומיים, פארשטייט זיך אז דאס איז נישט געווען סתם כדי ארויסצובורענגן די שיינקייט פון די גויים (וואס אגב איז א איסור פון ולא תְחָנֵם, ווי חז"ל דרש'ענען לא תתן להם חֵן) נאר בפשטות איז דאס געווען אן ענין פון הכרת הטוב, ארויסצוברענגען די גוטע זאכן וואס אידישע קינדער געניסן פון די גויים וואס האבן אהערגעשטעלט אזעלכע גוטע זאכן. און רשב"י קריגט זיך נישט דערמיט, ער איז מודה אז די גויים האבן אונז געמאכט גוטע זאכן, נאר ער ברענגט ארויס אז מ'זאל זיך נישט איינרעדן אז זיי מיינען אונזער טובה, נאר וואס זיי האבן געטוהן האבן זיי געטוהן בלויז פאר זיך.

פארוואס איז דאס געווען אזוי וויכטיג אויסצורופן הויעך? פארוואס האט רבי שמעון געשפירט א חוב אז דער ענין מוז ארויסגעברענגט ווערן, בפרט ווען דאס האט געמיינט אז ער שטעלט זיך איין דאס לעבן, אזוויי דער סוף איז טאקע געווען אז זיי האבן איהם דן געווען למיתה. לכאורה וואלט געווען גענוג ווען ער שווייגט, פונקט ווי רבי יוסי האט געטוהן. וואס לערנען אונז די ווערטער פון רבי שמעון?.

### איזהו חכם הרואה את הנולד

לאמיר זיך אריינטוהן אין א יסודות'דיגע לימוד וואס דער הייליגער תנא רבי שמעון בר יוחאי לערנט אונז, און דערמיט וועלן מיר בסייעתא דשמיא זוכה זיין צו באלייכטן דעם ענין.

די משנה זאגט אין **מסכת אבות** (פרק ב' משנה ט') אז רבי יוחנן בן זכאי האט געהייסן פאר זיינע תלמידים, צְאוּ וּרְאוּ אֵיזוֹהִי דֶרֶךְ יְשָׁרָה שֶׁיִּדְבַּק בָּהּ הָאָדָם, וואס איז די גלייכע וועג אין וועלכע א מענטש זאל זיך מדבק זיין און באהעפטן דערין, און די תנאים זענען טאקע צוריקגעקומען יעדער מיט אן אנדערע תשובה. רבי אליעזר האט געזאגט עַיִן טוֹבָה, רבי יהושע זאגט חָבֵר טוֹב, רבי יוסי זאגט שָׁכֵן טוֹב, "רַבִּי שִׁמְעוֹן אוֹמֵר, הָרוֹאֶה אֶת הַנּוֹלָד", און רבי אלעזר בן ערך האט געזאגט לֵב טוֹב.

וואס איז די כוונה פון רבי שמעון בר יוחאי אז א מענטש דארף זיין א רואה את הנולד? און פארוואס איז אזוי וויכטיג אז מ'זאל האבן אין זיך די מידה מער ווי די אנדערע מידות וואס די תנאים האבן דערמאנט.

נאר רשב"י לערנט אונז דא א יסוד נפלא! א איד טאר נישט לעבן מיט א אויבערפלעכליכע און שטחיות'דיגע בליק, מ'טאר נישט קוקן אויף זאכן און זיי אפשאצן נאר לויט וויאזוי זיי זעען אויס פון אינדרויסן, דאס איז נישט די ריכטיגע וועג. נאר יעדע זאך האט א 'פנימיות' וואס דערגרייכט גאר טיף און גאר ווייט, אסאך אסאך מער ווי דאס וואס מען זעהט אויבנאויף.

להבדיל אלף אלפי הבדלות, פונקט ווי ווען א מענטש גייט אריין אין א ביזנעס-דיעל און ער שרייבט אונטער א קאנטראקט, אדער ווען א קאמפעני שטעלט ארויס א געוויסע עדווערטייזמענט איבער א גרויסע סעיל וואס זיי מאכן, ווייסט די וועלט אז "מען דארף גוט קוקן אין די קליינע אותיות", ווייל אמאל זעהט אלעס אויס אזוי שיין און גלאנציג פון די ערשטע בליק, אבער ווען מ'שטעלט זיך אפ און מ'גריבלט אביסל טיפער צו פארשטיין וואס עס קומט דא באמת פאָר, דאן זעהט מען גאנץ אנדערע זאכן... און אמאל קען עס זיין א חילוק פון הימל ביז ערד, איין שורה פון די קליינע אותיות אויפן לעצטן בלאט קען טוישן די משמעות פון א דיקע הויפן בלעטער.

דאס זעלבע איז מיט אונזערע מעשים אין אונזער טאג טעגליכע לעבן. מענטשן טוען זאכן פון געוואוינהייט, אדער סתם אָן טראכטן און אָן פארשטיין ווי ווייט יעדע מעשה קען גרייכן. מען שטעלט זיך נישט אפ אריינצוקלערן און זיך מתבונן זיין וואס וועלן זיין די תוצאות דערפון, וואס וועט געשען מארגן.

איז צום ערשט, איז דאס א געוואלדיגע חיזוק לטובה ברוחניות, א איד דארף וויסן אז יעדע פעולה וואס ער טוט אויף די וועלט קומט אָן גאר הויעך, יעדע זאך האט א פנימיות וואס ליגט אונטער דעם, און אפילו ווען מ'טוט בלויז א קליינע מצוה טוט עס שיינען און לייכטן אין אלע עולמות, און מצוה גוררת מצוה, דאס קען צוברענגען צו נאך אסאך מצוות און זכותים אָן א שיעור.

וואס דאס איז באמת א המשך צו אונזער שמועס פון פאריגע וואך (פרשת אמור) אז די ימי הספירה לערנען אונז אז אלעס איז געקניפט און געבינדן, און א איד דארף זיין א עובד ה' אין יעדן פלאץ און אין יעדן מצב, עס איז קיינמאל נישט פאראן א יוצא מן הכלל, און מען טאר קיינמאל נישט זאגן אז יעצט בין איך פטור, אדער דאס איז בלויז א קלייניגקייט און איך דארף

נישט מקפיד זיין. לערנט אונז דער תנא רבי שמעון אז איד דארף זיין א רואה את הנולד, קוקן טיפער, פארשטיין אז ס'איז דא א פנימיות, אונזערע פעולות ווערן נישט געמאסטן לויט זייער חיצוניות'דיגע אויסזעהן און גרויסקייט.

אזוי אויך ווייסן מיר אז יעדע פעולה פון א איד קען אמאל אויסמאכן א וועלט! וויפיל מעשיות זענען פארהאן פון מענטשן וואס האבן געזאגט איין גוט ווארט, אדער געטוהן איין גוטע זאך, און בהשגחה פרטית האט דאס צוגעפירט אז פון דעם זאל ארויסקומען א געוואלדיגע טובה פאר זיך אדער פאר יענעם. וואס דאס איז ווייטער די זעלבע נקודה, צו וויסן און פארשטיין אז מ'קען בכלל נישט אפמעסטן און ארויסהאבן די טיפקייט און די פנימיות פון יעדע דבר טוב ווי ווייט עס וועט גיין.

### טראגן די אחריות פון אונזערע מעשים

מצד שני, דער ענין פון זיין א "רואה את הנולד" איז אונז אויך גאר שטארק מחייב, און פאָדערט אסאך פון אונז.

ווייל פונקט ווי א גוטע פעולה קען דערגרייכן גאר ווייט, איז דאָך די זעלבע פארקערט, ווען א מענטש טוט א עוולה, ער איז נישט מקפיד אויף יענעמ'ס כבוד, ער איז מצער, אדער זאגט א שלעכט ווארט פאר א צווייטן, ווער ווייסט וואס וועט זיין די פועל-יוצא דערפון און וואס דאס קען אלס גורם זיין ח"ו.

און נישט נאר בין אדם לחבירו, נאר אפילו כלפי זיך אליינס. וויפיל מאל מאכט זיך אז א מענטש לויפט נאך זיין יעצטיגע תאוה, עס האט איהם אנגעכאפט א רצון צו טוהן א געוויסע זאך, ער טראכט נישט קיין סאך און ער טוט וואס ער וויל, ער שטעלט זיך נישט אפ קיין איין רגע צו טראכטן אביסל טיפער וואס דאס וועט אלס צוברענגען. און דאס קען זיין נוגע אין גאר אסאך הינזיכטן פון לעבן, ווען א מענטש מאכט א החלטה בנוגע זיין התנהגות, סביבה, לבוש, חינוך פון די קינדער, און נאך צענדליגע זאכן, דארף ער האבן די ריכטיגע שכל און התבוננות צו קוקן מיט אביסל א טיפערן בליק, אז די זאכן גייען זיך נישט ענדיגן ביי דעם, יעדע טריט ברענגט תוצאות אין א געוויסע ריכטונג. אמאל זעהט עס טאקע אויס נאר ווי א קלייניגקייט, דער מענטש טראכט וואס טוה איך שוין? מ'קען מיינען... ס'איז דאָך נישט קיין איסור, ס'איז נישט געפערליך, און אזוי ווייטער טויזנטע תירוצים וואס מ'קען זיך געבן. אבער מען דארף פארשטיין אז דאס איז פונקט ווי אונטערשרייבן א קאנטראקט אָן אדורכליינען די קליינע אותיות און די וויכטיגע תנאים מיט וואס עס איז געבינדן, און צום סוף קען מען ווערן פארוואנדלט אין א גרויסע בעל חוב דערפון ח"ו.

מען דארף נישט מאריך זיין מיט קיין דוגמאות, ווייל זיי נעמען נישט קיין עק. אבער דער פאַקט איז אז זייער אסאך מאל האט א מענטש ליב צו באגראבן דעם קאפ אין זאמד און פשוט נישט טראכטן. ס'איז זייער געשמאק צו טוהן מעשים לויט ווי די הארץ באגערט יעצט, כאטש וואס אויב מ'וואלט צוגעלייגט אביסל מחשבה וואלט מען תיכף פארשטאנען אז אויב איך טוה אזוי און אזוי, מיינט דאס אז איך וועל מיך מוזן טוישן אין געוויסע זאכן, איך וועל זיך נישט קענען פירן אזוי ווי איך וויל באמת זיין, אדער מיינע קינדער וועלן ווערן נשפע דערפון אויף א געוויסע אופן, וכדומה. אבער ווער וויל דען טראכטן? מען וויל בלויז לעבן אין די יעצטיגע מינוט גרינגערהייט און נישט נעמען קיין אחריות אויף מארגן, טראצדעם וואס מארגן וועט מען זיך אויפוועקן צו די ווייטאגליכע מציאות אין וואס מ'האט זיך אליינס אריינגעלייגט.

### וויסן אז אונזערע מעשים 'געבוירן' תוצאות

דער תנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי האט געלעבט מיט פנימיות. ער האט נישט געקוקט בלויז אויף חיצוניות, נאר ער האט געוואוסט און משיג געווען די פנימיות און די אינערליכע באהאלטענע חלקים פון יעדע זאך. און ער איז טאקע דער וואס האט מגלה געווען און געברענגט פאר די וועלט די 'פנימיות התורה' וואס איז געווען זיין מהות און זיין מציאות.

אט דער תנא גיבט אונז איבער זיין דרך החיים, די דֶּרֶךְ יְשָׁרָה שֶׁיִּדְבַּק בָּהּ הָאָדָם, דאס איז דורכדעם וואס א איד וועט אלעמאל זיין א רואה את הנולד. **רבי שמעון שרייט צו אונז, רבי איד! זיי נישט חיצוניות'דיג, קוק נישט מיט א דרויסנדיגע בליק, נאר טראכט אביסל, שטעל זיך אפ און זיי זיך מתבונן אז דאס וואס דו גייסט יעצט טוהן וועט האבן א השפעה אסאך אסאך ווייטער ווי עס זעהט יעצט אויס. געדענק אז יעדעס ווארט וואס דו רעדסט, יעדע מעשה וואס דו טוסט, יעדע שטעלונג וואס די נעמסט, אלעס האט א פנימיות, און עס איז אסאך טיפער ווי דו מיינסט. זיי א רואה את הנולד.**

און אגב, דער לשון וואס רשב"י כאפט אָן איז רואה את 'הנולד', דאס מיינט אז דער רוף איז נישט בלויז צו זיין א טעכנישער רואה את 'העתיד' און פארשטיין וואס עס קען פאסירן. נאר מען דארף זיך טיף מתבונן זיין און מאכן א חשבון אז אונזערע מעשים זענען באמת משפיע ווייטער און 'באשאפן' נייע תוצאות, יעדע מעשה גיבט ארויס פירות און פירי פירות, און עס ווערט ממש 'געבוירן' נייע מציאות'ן און מצבים דורך אונזערע יעצטיגע החלטות. און דעריבער דארף א איד זיך פירן מיט פארשטאנד, החכם עיניו בראשו, צו לעבן מיט א חשבון און א טיפקייט, און נישט סתם געבן א כאפ אפ מעשים אָן אריינקלערן וואס וועט געשען דערפון.

### די התנהגות פון רשב"י און פון יהודה בן גרים

דאס קען זיין דער ענין פארוואס רבי שמעון האט זיך אנגערופן זיינע ווערטער קעגן די רוימישע רעגירונג. רבי שמעון איז טאקע מודה אז זיי האבן אהערגעשטעלט גאר שיינע און באקוועמע זאכן און מיר האבן הנאה דערפון, און מיר דארפן מן הסתם אויך האבן הכרת הטוב אויף זיי. אבער רבי שמעון דער בעל-הפנימיות שפירט א פליכט אויסצושרייען פאר די מענטשהייט, לאזט אייך נישט נאַרן אפילו פאר איין מינוט! די אלע זאכן גייען האבן תוצאות! אונטער דעם אלעם ליגט א רצון אונז מכשיל צו זיין און צו נעמען געלט פון אונז, און אזוי ווייטער, רעדט זיך נישט איין קיין רגע אז מ'מיינט דא דיין טובה. טראכט גוט אריין און פארשטיי די טיפקייט און די פרייז וואס קומט מיט צוזאמען מיט יעדע באקוועמליכקייט.

און מן השמים איז טאקע אזוי צוגעפירט געווארן אז דורך זיינע פנימיות'דיגע רייד, איז ער אנגעקומען אין די מערה פון וואו ער האט זוכה געווען צו באלייכטן די וועלט מיט זיין כוח אין פנימיות התורה.

בדרך רמז קענען מיר צולייגן א אינטערסאנטע נקודה. די גמרא דערציילט אז יהודה בן גרים האט איבערגעזאגט די ווערטער פון די תנאים און אזוי איז עס אנגעקומען צו די אויערן פון די מלכות. רש"י ערקלערט אויפן ארט, **"וסיפר דבריהם לתלמידים או לאביו ואמו, ולא להשמיען למלכות, ונשמעו על ידו למלכות"**. יהודה בן גרים האט חלילה נישט געמיינט צו פאר'מַסר'ן רבי שמעון, ער האט דאס נישט איבערגעזאגט בפועל פאר די מלכות. ער האט דאס סתם איבערגעזאגט פאר אנדערע, עס האט איהם בלויז געפעלט אביסל פּאָרזיכטיגקייט, **ער איז נישט געווען קיין רואה את הנולד**... ער האט נישט צוגעלייגט קיין מחשבה אז פון זיינע דיבורים קען ארויסקומען א חורבן, און צום סוף האט דאס אבער פאסירט דורך איהם. וואס דאס אליינס דינט אונז אלס מוסר השכל צו פארשטיין די שעדליכקייט פון נישט לעבן מיט חשבון און מחשבה.

**משיג זיין און דערהערן "כי אני ה' אלקיכם"**

דערמיט קומען מיר צוריק צו אונזער פרשה. עס איז באקאנט דער טעם וואס איז מבואר אין די **ראשונים** באריכות פארוואס די תורה הקדושה האט אונז באפוילן מיט די מצוה פון שמיטה און יובל, כדי צו שטארקן אונזער אמונה אין השי"ת, אז א איד זאל וויסן און גלייבן אז ס'איז דא א בעל הבית אויף די וועלט, און אלעס וואס מיר פאַרמאָגן באלאנגט באמת צום בורא עולם, און ער איז דער וואס טוט אלעס און גיבט אונז אלעס, און אָן איהם וואלטן מיר גארנישט געהאט. דעריבער ווען דער באשעפער הייסט אונז מפקיר זיין אונזער פארמעגן, זענען מיר דאס מפקיר און מיר לאזן אריין יעדן איינעם אין אונזערע פעלדער, ווייל מיר זענען נישט בעל הבית, נאר דער באשעפער איז. ווער רעדט נאך ווען ס'קומט יובל און די פעלדער און עבדים גייען צוריק, א איד האט געקענט האבן א פעלד אדער א קנעכט פאר ניין און פערציג יאר, עס איז געווען ממש א טייל פון זיין לעבן, ער ווייסט ניטאמאל פון א אנדערע מציאות, אבער איין טאג מוז ער דאס צוריקגעבן פארן מוכר, אדער באפרייען זיין באליבטער עבד לחירות.

דאס ברענגט דעם איד צו לעבן מיט פנימיות. צו פארשטיין אז די וועלט איז נישט זיינס, און ער פארמאגט גארנישט. די אלע זאכן וואס קען זיך אונז דאַכטן בחיצוניות אז מיר האבן עפעס א כוחי ועוצם ידי, דאס איז אלעס הבל הבלים, עס איז בכלל נישט די אמת'ע מציאות, נאר אלעס איז פון הקב"ה און מיר זענען בטל ומבוטל צו איהם און צו זיין רצון.

ווען א איד דערהערט דאס, פארשטייט זיך אז דאס האט א השפעה אויף זיין גאנצע הלוך-ילך אין לעבן, זיין גאנצע התנהגות פירט זיך אויף דעם מהלך פון קוקן אויף יעדע זאך מיט א העכערע און טיפערע בליק. ער פארשטייט אז יעדע פעולה און יעדע מעשה איז נישט בלויז דאס וואס מ'זעהט מיט די אויגן פון אינדרויסן, נאר עס האט ווייט גרייכנדע השפעות ברוחניות ובגשמיות.

און ווען מ'לעבט מיט'ן אייבישטער און מיט פנימיות און מען איז א רואה את הנולד, ווייסט מען אז ס'איז נישט דא קיין מקום ווי צו טוהן א צווייטע איד, עס האט נישט קיין זין מצער צו זיין יענעם אפילו מיט א קלייניגקייט. ווייל דעמאלטס לעבט מען א פיל העכערן לעבן, א לעבן פון חשבון הנפש און פארשטאנד אז מיינע מעשים קענען גיין גאר ווייט, ווי אויך די פגם קען זיין גאר גרויס. און דערפאר קומט דייקא דא אריין דער ענין פון וְלֹא תוֹנוּ אִישׁ אֶת עֲמִיתוֹ וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹקֶיךָ, און ס'איז נישט בלויז א איסור פון אונאת דברים, נאר עס טראגט מיט זיך אויך א כלליות'דיגע ציווי און א ידיעה פון "**כִּי אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם**", ווייל ווען מען לערנט אפ ריכטיג די מוסר השכל פון מצות שמיטה און יובל, לעבט מען מיט השי"ת, מען לעבט פנימיות'דיג און מען פארשטייט אז מיר זענען עבדי השם, מיר זענען אנגעבינדן אינעם אייבישטער אויף יעדע טריט און שריט אין אונזער לעבן, און יעדע מינדנסטע פעולה וואס מיר טוען קען שאָקלען וועלטן.

און ווי די תורה הקדושה איז טאקע ממשיך גלייך נאכדעם, וַעֲשִׂיתֶם אֶת חֻקֹּתַי וְאֶת מִשְׁפָּטַי תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם, דאס וועט אייך ברענגען צו היטן די תורה ומצוות בשלימות, דורכ'ן לעבן פנימיות'דיג און זיך מתבונן זיין אלעמאל און פארשטיין ריכטיג די גרויסקייט פון ענקערע מעשים, און דאס וועט אייך ברענגען צו ריזיגע תוצאות און שכר, וִישַׁבְתֶּם עַל הָאָרֶץ לָבֶטַח, וְנָתְנָה הָאָרֶץ פִּרְיָהּ, וַאֲכַלְתֶּם לָשֹׂבַע, און אזוי ווייטער.

דבר בעתו מה טוב, שטייענדיג אין די דערהויבענע זמן פון ל"ג בעומר און די הילולא פונעם תנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי וואס לערנט אונז די וועג פון פנימיות און התבוננות אין אונזערע מעשים, לאמיר טאקע מיטנעמען אט די הייליגע הנהגה, און משתדל זיין צו לעבן אביסל העכער דורך צולייגן מחשבה צו אונזערע מעשים, און דורך וויסן די חשיבות און גרויסקייט פון יעדע קלייניגקייט. לאמיר גיין אין די וועגן פונעם הייליגער תנא וואס תּוֹרָתוֹ מָגֵן לָנוּ הִיא מְאִירַת עֵינֵינוּ הוּא יַמְלִיץ טוֹב בַּעֲדֵנוּ אֲדוֹנֵנוּ בַּר יוֹחָאי, אכי"ר.

לסיכום געדענק:

- יעדע מעשה און יעדע פעולה האט אין זיך א פנימיות, א טיפקייט וואס קען אנקומען גאר ווייט, סיי לטובה און סיי ח"ו פארקערט.
- א מענטש וויל נישט אלעמאל טראכטן וואס עס גייען זיין די תוצאות פון זיינע מעשים, אבער רשב"י לערנט אונז אז מען דארף זיין א רואה את הנולד.
- ווען מען לעבט מיט'ן אייבישטער און מיט פנימיות און מחשבה, טוישט עס אונזער גאנצע בליק און אונזער גאנצע התנהגות לטובה.

# א לעכטיגע שבת קודש!

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק"
דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com